# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**ספר ויקרא**

**נתנדב לרפואת יהודה ארי׳ לייב בן עליזא**

בתוך שאר חולי ישראל

## חג הפסח

# די צוגאנג צום הייליגן יו״ט פסח


**פרנס השבוע**

**יא! אייער הילף יעצט איז קריטיש וויכטיג!**

די זכות פון טויזענטער וואס ווערן נתקרב צום אויבעשטער, קען זיין אייערע אויף אייביג.

**רופט שוין 347-451-0332**

צו זיין א פרנס השבוע **פאר בלויז $600**

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# חג הפסח

שנה ג׳

# די צוגאנג צום הייליגן יו״ט פסח

תוכן:

חלק א׳: ברויט פון די כהנים - חלק ב׳: לחם עוני - חלק ג׳: ברויט פון דאנק

## חלק א׳: ברויט פון די כהנים

### דאס עסן פון די כהנים

אין פרשת צו ווערן מיר געוואויר איבער א ספעציעלע דיעטע, פון די כהנים וועלכע האבן געדינט דעם באשעפער אין בית המקדש. **וְזֹאת תּוֹרַת הַמִּנְחָה ... מַצּוֹת תֵּאָכֵל בְּמָקוֹם קָדֹשׁ... לֹא תֵאָפֶה חָמֵץ** - דאס איז די לערנונג פונעם קרבן מנחה... עס זאל געגעסן ווערן אלס מצות אין א הייליג פלאץ. מ׳טאר עס נישט באקן אלס חמץ.

די תורה רעדט דא פון דעם קרבן מנחה וואס מ׳האט געברענגט פון מעל, און דער פסוק זאגט, אז די כהנים דארפן באקן זייער פארציע פון מעל אלס מצה, זיי טארן נישט עסן קיין חמץ. אודאי דארף נישט א כהן לעבן אויף מצה. סתם אזוי מעג א כהן עסן חמץ. אינדערהיים מעג ער עסן ברויט און חלה וויפיל ער וויל - אדער ביז זיין פרוי וועט אים הייסן אויפהערן... ער מעג אפילו מיטברענגען א סענדוויטש אין בית המקדש אריין פאר לאנטש, פארוואס נישט?

אבער ווען ער עסט ביי זיין עבודה אלס כהן, ווען ער עסט פונעם קרבן מנחה, **מַצּוֹת תֵּאָכֵל** - עס דארף זיין מצה... **לֹא תֵאָפֶה חָמֵץ** - מ׳טאר נישט באקן א מנחה אלס חמץ. נו, פארוואס טאקע דאס דארף זיין אזוי, איז א גוטע קשיא. ס׳איז נישט אזוי פשוט, און מיר וועלן באלד רעדן וועגן דעם, וואס די מצה מיינט. אבער בכל אופן זעען מיר, אז מצה איז א ספעציעלער סארט עסן, וואס איז אוועקגעלייגט פאר די כהנים פון אויבערשטן.

### דאס עסן פון געוועגליכע מענטשן

ס׳איז אבער יא דא איין מאל א יאר, ווען יעדער איינער פון כלל ישראל איז מחוייב צו עסן די זעלבע עסן וואס איז אוועקגעלייגט פאר כהנים. אינ׳ם יו״ט פסח, ווערט מצה דאס עסן פון יעדן איינעם. אפילו נשים; ווייל כאטש ס׳איז א **מצות עשה שהזמן גרמא** - א מצוה וואס קומט אין א ספעציעלע צייט, וואס געוועגליך זענען דאך פרויען פטור דערפון, האט אבער די תורה יא אריינגערעכנט פרויען ביי די מצוה פון עסן מצה.

דאס מיינט, אז אינ׳ם יו״ט פסח וויל הקב״ה, אז גאנץ כלל ישראל זאלן זיין אזוי ווי די כהנים. פאר

זיבן טעג, דערקלערט מען פאר די וועלט, און נאך וויכטיגער, פאר זיך אליין, אז מיר זענען אויך כהנים. מיר זענען דאך א **ממלכת כהנים**, א פאלק פון כהנים.

## דאס פאלק ווערט געטוישט

ביים בארג סיני, איידער די תורה איז געגעבן געווארן, האט הקדוש ברוך הוא געמאכט א מורא'דיגע דעקלעראציע פאר דאס אידיש פאלק, עפעס וואס דארף אונז קלינגען אין די אויערן, אלעמאל. אבער מיט דעם אלעם זעט מען, אז אפילו אזעלכע וואס קענען יא די ווערטער, נעמען עס אן אלס פאעטיש. ס'איז שיינע איידעלע ווערטער מיט וואס מ'קען אפשר מאכן א שיינע דרשה, אבער דאס איז עס.

לאמיר הערן די ווערטער פון הקדוש ברוך הוא: **וְעַתָּה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ בְּקֹלִי** - איך וועל אייך יעצט געבן די תורה, און איך ערווארט אז איר זאל אויסהערן מיינע ווערטער. עס מיינט נישט סתם הערן קריאת התורה אין שול - ניין! דאס איז נישט גענוג. ס'איז נישט גענוג צו **הערן**, מ'דארף **דערהערן!** דער אויבערשטער וויל, אז מיר זאלן אריינגלידערן אין זיך די מדות פון די תורה. און איינמאל מ'האט זיך שוין אויסגעלערנט הערן, **וּשְׁמַרְתֶּם אֶת בְּרִיתִי** - דארפט איר היטן מיין בונה. עס מיינט אז מ'וועט דארפן איינהאלטן דעם צוזאג פון נעשה ונשמע. "און אויב ווילט איר דאס טוען" - זאגט דער באשעפער - "אויב איר וועט שטיין ביים בארג סיני, און איר וועט מיר זאגן: יא באשעפער, מיר נעמען דיך אן אויף אייביג, דעמאלט **וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים** - וועט איר מיר זיין א ספעציעלער אוצר, מער פון אלע פעלקער".

## געגעבן אן אחריות

ווען השי"ת האט געזאגט אז ער גייט אונז מאכן זיין עם סגולה, האט ער נישט סתם אזוי געזאגט, "איך גיי ענק געבן סמיכה; אזא סארט תעודה פון א רב אויפצוהענגען אויף די וואנט, אייך צו באעהרן דערמיט". ס'איז נישט בלויז, אז דער באשעפער האט אויסגעוועלט דעם עם סגולה, און אז ער וועט אונז ליב האבן אויף אייביג. יא, דאס אויך, אבער עם סגולה מיינט אזוי פיל מער פון דעם.

וואס פארלאנגט מען פון אונז צוליב דעם וואס מיר זענען דעם אויבערשטנ'ס באליבט פאלק? עפנט איירע אויערן, און הערט אייך גוט איין צו די קומענדיגע ווערטער אין פסוק, און אויב וועט איר גוט אויסהערן וועט איר פארשטיין, פארוואס פסח גלייכן מיר זיך צו צו די כהנים און מיר עסן מצה. "ווי אזוי וועט איר זיין מיין עם סגולה?" פרעגט דער אויבערשטער. **וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים** - איר וועט זיין צו מיר א פאלק פון כהנים. פון יעצט און ווייטער וועט אלעס זיין אנדערש, וויבאלד איך הייב אייך אויף, און איך מאך אייך אינגאנצן עפעס אנדערש ווי ביז יעצט - א פאלק פון כהנים. ממלכת כהנים מיינט נישט א פאלק געפירט דורך כהנים, אדער א פאלק מיט אן אויבערשטער שטייסל פון כהנים. ניין! עס מיינט א פאלק וואו יעדער איינער איז א כהן. אין יענעם טאג, האט דער אויבערשטער אונז געגעבן דאס אחריות צו זיין כהנים - דאס גאנצע פאלק, כהנים, לויים, ישראלים, מענער, פרויען און קינדער, גייען ווערן א פאלק פון משרתי ה' - באדינער פון אויבערשטן, פונקט ווי א כהן וואס טוט די עבודה אין בית המקדש.

## אונזער ציל

אודאי איז דא א חילוק. א כהן וואס שטאמט פון אהרן הכהן האט אנדערע הלכות. עס זענען דא געוויסע דינים וואס ער מוז איינהאלטן סיי אינדערהיים און סיי אין בית המקדש. אבער מיט דעם אלעם, אין א געוויסן זין, איז דאס גאנצע פאלק כהנים. ווייל וואס איז א כהן? עמיצער וועמענ'ס לעבן איז מיוחד צו דינען דעם אויבערשטן. א כהן האט נישט באקומען קיין חלק אין ארץ ישראל, וויבאלד ער

דארף נישט טוען עפעס אנדערש ווי דינען דעם באשעפער. יא, א כהן מעג האבן א פאן; ער האט דאך אויך א משפחה. ער קען אפילו זיין א פלאמבער... ער דארף דאך באצאלן זיינע בילס, און די מתנות כהונה זענען נישט גענוג צו לעבן דערויף. אבער נישט קיין חילוק וואס ער טוט פאר פרנסה, איז עס א טפל צו זיין עיקר צוועק אין לעבן, וואס איז עבודת השי"ת.

טאקע דאס, דארף א איד צו זיין - עמיצער וואס ווייסט אז זיין עיקר ציל אין לעבן איז צו דינען דעם באשעפער. טיילמאל, אין צוגאב צו זיין עבודת ה', האט ער עפעס א פאן, אביסל פרנסה אויך, נו, זאל זיין, ס'איז גוט אזוי. אבער זיין וויכטיגסטע זאך איז, אז ער איז א כהן! אזוי דארף א איד צו טראכטן. זיין עיקר דזשאב אין לעבן איז צו דינען דעם אויבערשטן.

איך ווייס, אז איר וועט נישט ריכטיג אויפנעמען וואס איך זאג, איר וועט צוריק טענה'ן, "אודאי בין איך אן עובד השם, זיכער. אבער דאס איז נאר א חלק פון מיין לעבן. איך האב א דזשאב, איך האב א משפחה". דאס איז אבער נישט אמת. **וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים** זאגט דיר, אז נישט קיין חילוק וואס דו טוסט אין לעבן, ביסטו נאכאלץ א **כהן** צום אויבערשטן.

**מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים!** די ווערטער דארפן אלעמאל קלינגען אין די אויערן, וויבאלד דאס איז דיין דזשאב אויפ'ן לעבן. גארנישט קען טוישן דער יסודות'דיגער פאקט, וואס ערקלערט וואס דיין ציל איז אויף דער וועלט.

## אלע אנדערע פעלקער

אלע אנדערע מענטשן אויף די וועלט, אלע פעלקער אויף די וועלט, קענען אדורכשטופן זייערע טעג אין לעבן, און ערפילן זייער ציל פון זיין די **משפחות האדמה** - פעלקער וואס זייער ציל איז בלויז דער וועלט. און מיר האבן גארנישט קעגן זיי. מיר זענען זיי אפילו דאנקבאר. א פייערלעשער איז גאר וויכטיג אין די וועלט - און א גרויסן יישר כח פאר אלע פייערלעשער. ער קען אפילו זיין דער וואס וועט ארויסנעמען איינעם פון א פלאקערדיגע געביידע חלילה. ער קען זיין דער וואס וועט דערמינטערן איינעם מיט אריינבלאזן לופט אין זיינע לונגען.

די משפחות האדמה שפילן א געוויסע ראלע אין די וועלט. זיי דרייוון די סיטי באסעס, וואס פירן אונז און אונזערע קינדער אין ישיבה אריין. זיי וועלן זיין די פאליציי. די פאליציי טוט גארנישט, אבער כאטש זענען זיי אויף די גאס, וואס אזוי האבן געוויסע מענטשן מורא צו באגיין פארברעכנס. מיר דארפן זיי. מיר דארפן די גוים, ס'איז נישטא קיין שום שאלה דערויף.

אבער אין יענעם גרויסן טאג ביים בארג סיני, ווען מיר זענען געווארן די **ממלכת כהנים**, זענען מיר דערהויבן געווארן פיל העכער פון דעם. גאר גאר הויך. מיר זענען שוין נישט פון די פעלקער וועלכע לעבן פאר דער וועלט. אצינד זענען מיר שוין די כהני ה', וועלכע נוצן אויס אונזערע טעג צו דינען דעם באשעפער און לעבן פאר יענע וועלט.

דו ביסט נישט יעצט אינ'ם בית המקדש. דו וואוינסט אין ברוקלין, אין א קליין הייזל און קיינער ווייסט נישט ווער דו ביסט. אבער נישט קיין חילוק. דו ביסט פון די ממלכת כהנים, און דיין עבודת השם איז נישט ווייניגער וויכטיג ווי די כהני ה' וואס ארבעטן אין בית המקדש.

## כהנים עסן מצה

איך האלט נישט אז עס איז מיר אפילו מעגליך צו ערקלערן אלעס וואס ליגט אין די ווערטער פון **ממלכת כהנים**. אבער אצינד פארשטייען מיר, אז ווען מיר עסן מצה אין פסח - די עסן וואס די כהנים עסן אין בית המקדש - ווייזן מיר א גרויסע זאך דערמיט. פונקט ווי די כהנים אין בית המקדש עסן דעם קרבן מנחה פון מצה, זעצן מיר זיך אראפ אינדערהיים צו עסן א **קרבן מנחה**. און כאטש, **שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת**

**אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ**, א גאנץ יאר עסן מיר חמץ, אבער **הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלּוֹ מַצָּה**. איין מאל א יאר דארפן מיר זיך דערמאנען, אז מיר זענען אויסדערוועלט געווארן פאר דעם צוועק פון, **וְאַתֶּם כֹּהֲנֵי ה' תִּקָּרֵאוּ** (ישעי' סא, ו).

דעריבער ווען מיר עסן מצה, ווייזט דאס, אז מיר זענען איבערגעגעבן צו טוען די עבודה פונעם באשעפער. דאס איז אונזער פליכט. אלע פון אונז - מענער, פרויען, קינדער, כהנים, לויים און ישראלים - זיצן ארום דעם טיש, אינעם מקדש מעט פון אונזערע הייזער, און מיר ווייזן קלאר, אז מיר פארשטייען וואס אונזער ראלע איז אין די וועלט. מיר זענען א פאלק פון כהנים! יעדער איד איז א כהן. מיר האבן נישט קיינער וואס דארף טוען מער ווי א צווייטער, וויבאלד מיר זענען אלע כהנים. יעדער איד איז א געקליבענער עבד צום באשעפער, און ווען מיר עסן מצה, ווייזן מיר דערמיט, אז מיר זענען כהנים לקל עליון - באדינער צום איין אייציגסטן באשעפער.

## די בעסטע השפעה

געדענקט דאס ווען איר עסט די מצה! איר האט עס נאך קיינמאל נישט געהערט? נו, נאך א מזל אז איר זענט געקומען צום שיעור היינט ביינאכט. אודאי האבן מיר הנאה ווען מיר עסן מצה. ס'איז נישט קיין עוולה. מצה איז גוט. ס'איז געשמאק. מיר זיצן ארום דעם טיש, און מיר קענען קוים ווארטן. מיר קוקן שוין אזוי ארויס מקיים צו זיין די מצוה פון אריינלייגן די גאר בא'טעמ'טע מצה אין אונזער מויל. פארגעסט אבער נישט וואס מיר לערנען דערפון. דאס איז דער ציל פון די מצה, וואס מיר זאלן זיך לערנען דערפון; ס'איז נאר אז הקב"ה איז א גוטער סעילסמאן כביכול. ער ווייסט ווי אזוי עפעס צו פארקויפן. דו ווייסט ווען עס איז די בעסטע צייט צו פארקויפן סחורה? ווען דו זעצט אראפ א מענטש עסן, דעמאלט קענסטו רעדן צו אים. די גמרא זאגט אין מסכת חולין (ד:), אז ווען דו ווילסט איינעם איבעררעדן אויף עפעס, און ווערטער זענען נישט גענוג, זאלסטו עס טוען ביים עסן!

לאמיר זאגן, אז דו ווילסט פארקויפן א פראדוקט פאר א מעגליכער קליענט, וועסטו מאכן א גרויסער בראשור וואס וועט ערקלערן אלעס איבער דעם פראדוקט, ווי גוט עס איז און אלעס ארום דעם. אבער בשעת דו רעדסט, זיצט ער און ער געניצט אוועק, ער שלאפט שוין איין... נישט אזוי פירט מען געשעפטן. אויב דו ווילסט מצליח זיין מיט א קונה, נעם אים צו א רעסטוראנט, און געב אים א פיינעם גרויסן לאנטש! און נאכדעם וואס ער איז שוין גוט אנגעגעסן ביים סוף פון די סעודה, איז די מערסטע געאייגנטע צייט אים צו פרעגן, "נו, ווילסטו קויפן מיין פראדוקט?" און דאן איז די מעגליכקייט אסאך מער, אז איר וועט פועל'ן ביי אים דיר צו געבן אן ארדער.

דער אויבערשטער איז אויך א סעילסמאן - ס'איז נאר אז ער פארקויפט תורה'דיגע פראדוקטן... און דורך אונז געבן צו עסן דאס עסן פון כהנים, די מצה אין פסח, פארקויפט אונז השי"ת דעם וויכטיגן פראדוקט, אז מיר זענען זיין **ממלכת כהנים**. וואס דעריבער איז טאקע א מצוה הנאה צו האבן פון די מצה, וויבאלד וואס מער דו וועסט הנאה האבן דערפון, אלץ מער וועסטו אריינעמען די וויכטיגע לעקציע. פארדעם שטייט אין די הגדה, **בַּעֲבוּר זֶה לֹא אָמַרְתִּי** - ווען האב איך געהייסן אנהייבן רעדן פון די זאכן וואס די מצה קומט צו לערנען? **אֶלָּא בְּשָׁעָה שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר מֻנָּחִים לְפָנֶיךָ** - ווען דאס עסן ליגט פאר דיר. ווען אלעס ליגט אויפ'ן טיש, דעמאלט קענסטו אנהייבן צו טראכטן און רעדן. עס, און האב הנאה, דו דארפסט אבער געדענקען ווי וויכטיג עס איז, וואס מיר דארפן זיך לערנען דערפון. עסן מצה ווי א פערד וואס עסט אן טראכטן, וועט דיר נישט ברענגען אין ערגעץ. אויב דו טראכסט נישט אריין בשעת דו עסט די מצה, איז א גרויסע שאד. ס'איז נאכאלץ א מצוה, אבער דו פארפאסט א געוואלדיגע געלעגנהייט צו ערררייכן מער דעת. אבער אויב דו עסט די מצה מיט א העכערער ציל, דו טראכסט אריין בשעת דו עסט, דעמאלט איז נישטא בעסער פון דעם. וויבאלד בשעת מיר האבן הנאה פון די מצה, נעמען מיר אריין אין זיך אז מיר זענען א **ממלכת כהנים**.

# חלק ב׳: לחם עוני

## איינגעפלאנצט אין מצרים

ווען הקב״ה האט אונז געגעבן די געלעגנהייט צו ווערן זיין **ממלכת כהנים**, געדענקט איר ווי אזוי ער האט זיך פארגעשטעלט? האט ער געזאגט, **אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר בָּרָאתִי שָׁמַיִם וָאָרֶץ** - ״איך בין אייער באשעפער וואס האט באשאפן הימל און ערד?״ ניין! דער אויבערשטער האט דאס בכלל נישט דערמאנט. דער באשעפער האט געזאגט אזוי: **אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם** - ״איך בין אייער באשעפער וואס האט אייך ארויסגענומען פון מצרים״. דאס זענען מיינע פעאיגקייטן. השי״ת זאגט, ״איך בין דער וואס האט אייך געראטעוועט פון לאנד מצרים״.

דאן האט דער אויבערשטער צוגעלייגט נאך צוויי ווערטער: **מִבֵּית עֲבָדִים** - איך האב אייך ארויסגענומען פון דאס הויז פון קנעכטשאפט. מצרים איז געווען א בית עבדים. טייל מענטשן מיינען, אז דאס איז אזוי געווארן בטעות. עס האט באמת נישט געדארפט זיין אזוי. ס׳איז נאר אז ווען יוסף הצדיק איז נפטר געווארן, זענען די אידן געווארן אביסל מער פריי, אביסל מער נאכלעסיג, און זיי האבן אנגעהויבן גיין וואו זיי האבן נישט געדארפט. זיי האבן זיך אנגעהויבן אביסל צו מישן מיט די מצריים, און זיך אפלערנען פון זייערע וועגן, וואס דעריבער האט הקב״ה געשיקט אויף זיי א שעבוד אלס שטראף. קען טאקע זיין, אז עס איז דא עפעס אמת דערצו, אין א געוויסער זין. מיר דארפן אבער פארשטיין, אז דאס איז נישט געווען דער טעם פאר די צרות פון **מבית עבדים**.

## א הכנה צו מתן תורה

דער אמת איז, אז די צרות פון מצרים זענען געקומען אונז אנגרייטן פאר מתן תורה. איינס פון די גרעסטע טובות וואס איז געשען צו כלל ישראל, איז געווען דאס זיין אין מצרים. איך זאג ״איינס פון די גרעסטע״, אויב קוקן מיר צוריק, איז מעגליך אז דאס איז גאר געווען די גרעסטע. וויבאלד עס איז נאר געווען צוליב די צרות אין מצרים, וואס מיר האבן מקבל געווען די הייליגע תורה. איך וועל ערקלערן וואס איך מיין.

איר האט געלערנט חומש, ווי אויך זענען דא וואס האבן געלערנט גמרא, מיינט איר אז איר האט א שטיקל השגה פון דער שעבוד אין מצרים. איר מיינט אז איר ווייסט שוין אלעס דערוועגן, וואס דעריבער זענען אייערע אויערן פארמאכט צו פארשטיין עפעס מער. איר דארפט אבער אנערקענען, אז אפילו איר האט אסאך געלערנט - און איך בין זיכער אז איר האט נישט געלערנט אלע אגדות פון חז״ל, אבער אפילו אויב יא - איז כדי דאס צו פארשטיין גרונטליך דארף נעמען א גאנץ לעבן! און דאס א חיוב! **בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם** - יעדער איד האט א חוב זיך אנצוקוקן אזוי ווי ער אליין וואלט אויסגעלייזט געווארן פון מצרים. און אויב ווייסט איר נישט וויפיל די אידן האבן געליטן, וועט איר דאס קיינמאל נישט קענען טוען.

## עבודת הפרך!

שטעלט אייך פאר, אז איר זענט געווען פארשקלאפט - איר מיט אייער משפחה און אייערע קינדער, מיט אייער טאטע און זיידע. פאר 210 יאר זענט איר געווען אין א פרעמד לאנד, און נישט געקענט ארויסגיין. און מ׳האט אייך געמאכט ארבעטן מיט א געוואלדיגע רשעות. מ׳האט אייך געשלאגן אויב האט איר נישט פראדוצירט אזוי פיל ציגל וויפיל זיי האבן געוואלט. מ׳האט אייך געשלאגן אן רחמנות. איר געדענקט אודאי ווען משה רבינו האט געזען א מצרי שלאגן א איד, און ער האט זיך ארייגעמישט און עס אפגעשטעלט כדי יענעם צו ראטעווען. ווער נאך האט זיך אריינגעמישט? קיינער נישט! קיינער

האט זיך נישט אנגענומען, ווייל דאס האט געמיינט גרויסע צרות; עס האט געמיינט א זיכערער טויט! אזוי איז געווען. די מצריים האבן געשלאגן און געפייניגט אידן, און קיינער האט זיי נישט געקענט אפשטעלן. ווער ווייסט וויפיל אידן זענען נעבעך גע'הרג'עט געווארן צוליב זייער רשעות?

דערצו האט מען שרעקליך געפייניגט יעדן שווער צו ארבעטן. מיר האבן נישט קיין שום געניוער בילד פון די שוועריקייטן פון שעבוד מצרים. ס'איז געווען עבודת הפרך - וואס פרך מיינט עמיצן צוצוברעכן. פרעה האט געארבעט מיט די אידן ביז צום ביין... און דאן האט ער צעבראכן די ביינער אויך... די שווערע ארבעט איז טאקע געווען מיט די כוונה זיי צוצוברעכן, וויבאלד פרעה האט מורא געהאט **פֶּן יִרְבֶּה**, אז זיי וועלן זיך פארמערן און איבערנעמען דאס לאנד מצרים.

## שטארק פארמערט

עס שטייט אין פסוק, **פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ** - זיי האבן געבוירן קינדער אין די מאסן. א פרוי קען - אויב אלעס גייט כשורה - געבוירן זעקס קינדער אויף אמאל. אין יענע צייטן, האט הקב"ה זיי געגעבן געוואלדיגע כוחות, און גאר אסאך האבן געבוירן זעקס קינדער אויף אמאל. איך וועל נישט זאגן אז יעדער איינער, אבער גאר אסאך האבן יא.

און פרעה האט זיך מורא'דיג דערשראקן ווען ער האט דאס געזען. ווער קען אים דען באשולדיגן? ווען ער האט געזען אז די אידן געבוירן זעקס קינדער אויף אמאל, איז ער אראפ פון זינען פאר פחד. ער איז אריינגעפאלן אין א פאניק. **פֶּן יִרְבֶּה** - זיי פארמערן זיך אבנארמאל, און מ'דארף זיי אפשטעלן. איר מיינט אז איר וואלט געווען אנדערש? אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו (אבות ב, ד) - זייט נישט דן פרעה, ביז איר וועט זיין אין זיין פלאץ! מעגליך אז איר וואלט געווען נאך ערגער. פרעה איז פשוט אראפ פון זינען פאר פחד, וואס דעריבער האט ער פרובירט אלעס, אז די אידן זאלן זיך נישט מערן!

אלע גזירות זענען געווען מיט די כוונה זיי צוצוברעכן, אז זיי זאלן נישט האבן קיין כח און קיין אינטערעס צו האבן קינדער. ער האט געטוען וואס ער האט נאר געקענט. ער האט פרובירט גאר שטארק, און זיין רשעות איז געווען ממש אומבאגרייפבאר. ס'איז געווען עבודת הפרך - ארבעט וואס האט צעבראכן דעם גוף; ס'איז געווען שרעקליך. מיר ווייסן נישט אלע צרות וואס זענען פארגעקומען אין מצרים. מ'וואלט געדארפט גאנצע בענדער דאס איבערצוגעבן. מיר קענען נאר טראכטן וואס פרעה האט אלץ געקענט טוען כדי צו אנטמוטיגן די אידן, און צו צעברעכן זייער מוט. ער האט אלעס געטוען!

## צופיל צייט

מ'זעט פרעה'ס כוונה די גאנצע צייט ביז'ן סוף. ווען די אידן האבן גערעדט וועגן די בשורה, אז דער אויבערשטער האט געזאגט אז זיי גייען באלד ארויסגיין פון מצרים, איז פרעה געווארן געפערליך אויפגערעגט. ער האט געזאגט, די דאזיגע פוילע מענטשן האבן צופיל איבריגע צייט, צופיל צייט צו טראכטן פון נארישע זאכן. דעריבער האט ער באפוילן, **תִּכְבַּד הָעֲבֹדָה עַל הָאֲנָשִׁים** - די ארבעט זאל ווערן נאך שווערער, **וְאַל יִשְׁעוּ בְּדִבְרֵי שָׁקֶר** - וואס אזוי וועלן זיי נישט זיין פארנומען מיט פאלשע זאכן. "איך זעה אז זיי האבן צופיל צייט, וואס דעריבער רעדן זיי פון נארישע זאכן, איך וועל זיי געבן אזוי פיל ארבעט, אז זיי וועלן נישט האבן קיין צייט צו רעדן בכלל!"

ביז יעצט האבן זיי אויך געארבעט ווי פערד, אבער כאטש האט מען זיי געגעבן שטרוי צו מאכן ציגל. יעצט האט פרעה געזאגט, "איר וועט דארפן אויסנוצן אייערע איבריגע צייט צו קלויבן אייער אייגענע שטרוי פאר ציגל". **וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים** - און זיי האבן פארביטערט זייער לעבן מיט שווערע ארבעט, מיט ליים און מיט ציגל.

## אינ׳ם ליים גרוב

איר וועט דארפן פארברענגען אסאך צייט, ארייננצוטראכטן אין יענעם פסוק. אויב נישט, הייבט איר נישט אן צו באגרייפן וואס איז געשען צו אונז אידן אין מצרים. שטעלט אייך נאר פאר וואס דאס מיינט צו ארבעטן מיט חומר - ליים. ס'איז נישט ווי ארבעטן מיט דיאמאנטן, אדער אפילו מיט פאפירן אין אן אפיס. מ'האט געדארפט ארויסגראבן שווערע זאמד פון די ערד. ס'איז דא א ליים גרוב, און דו קריכסט אריין טיף אראפ אינעווייניג אינעם גרוב, און מיט די הענט הייבסטו אן אויסגראבן די ליים. דו ווערסט פול דערמיט. פון קאפ ביז פיס ביסטו פול דערמיט. אלע דיינע קליידער זענען פארשמירט. די נאסע ליים ווערט פארטריקנט אויף דיר און אויף דיינע קליידער, און א גאנצן טאג ביסטו אינגאנצן פארשמוצט. וואספאארא צער איז דאס - און נאך א בזיון אויך; די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, ווערן אזוי דערנידערט צו די נידריגסטע שטאפלען פון די געזעלשאפט אין מצרים.

און די נעבעכדיגע צעבראכענע מענטשן זענען געווען פארשקלאפט אין די ליים-גריבער. א גאנצן טאג זענען זיי געלאפן מיט די ליים צו די אויוונס, וואו זיי האבן געבאקן די ליים און געמאכט דערפון ציגל. און זיי האבן נישט געמאכט קליינע ציגל - עס זענען געווען גאר גרויסע ציגל. אין די אור-אלטע געביידעס אין מצרים זעט מען ריזיגע ציגל פון ליים. אפילו איינס פון די, איז געווען גאר שווער פאר איין מענטש צו טראגן. און מ'האט זיי געצוואונגען צו טראגן שווערע לאסטן פון ציגל, צו די ערטער וואו זיי האבן געבויט.

עס איז נישט געווען גרינג צו בויען פיתום און רעמסס. דערצו זענען נאך געשטאנען א גאנצן טאג די אויפזעערס מיט ריטן אין די הענט, זוכנדינג פאר סיי וועלכע סיבה צו שמייסן וויפיל עס לאזט זיך, און זיי האבן געטראפן גענוג סיבות. "שנעלער! רוק דיך שנעלער, דו פוילער פארשימלטער עברי!" בלוט האט זיך געגאסן פון זייערע וואונדן, פון זייערע רוקנס, און פון וואו נישט. וואו נאר דער רוט האט געשמיסן, האט געגאסן בלוט. שמייס! זעץ! זייערע קעפ זענען צעשפאלטן געווארן; זייערע ציין זענען אויסגעהאקט געווארן.

## עסן אין געפענגעניש

דעריבער איז געווען **וַיְמָרְרוּ** - זייער ביטערניש איז געווען שרעקליך. זיי האבן געוויינט פונעם קושי השעבוד, און זיי האבן כסדר אויסגעשריגן צו הקדוש ברוך הוא. ס'איז געווען אומגעהויערע שווערע ארבעט, וואס האט זיי גענצליך צעשמעטערט און **וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה** - כלל ישראל האט אויסגעשריגן צום אויבערשטן צוליב זייערע שרעקליכע ליידן. ווען זיי האבן געזאמלט שטרוי אין די פעלדער, האבן זיי געוויינט. ווען זיי האבן געמאכט ציגל, האבן זיי געוויינט. ווען זיי האבן זיך געמוטשעט אונטער די שווערע לאסט פון ציגל, האבן זיי געוויינט. עס זענען געווען געוויינערייען פון אלע עקן פון מצרים. אויך ביינאכט זענען זיי זיך צוזאמגעקומען און געוויינט. ווען זיי זענען אהיימגעקומען פון די ארבעט צעבראכן און צעקלאפט, האבן זיי זיך צוזאמגענומען און אויסגעשריגן: **הושענא** - באשעפער העלף אונז! כסדר, יעדן טאג, האבן זיי געשריגן צום אויבערשטן **מן העבודה** - צוליב די שרעקליכע שווערע ארבעט.

דאס איז וואס מיר טראכטן, ווען מיר זעצן זיך צום סדר פסח ביינאכט עסן מצה. ס'איז א זכר צו **לחם עוני** - דאס ברויט פון פיין, וואס אונזערע עלטערן האבן געגעסן אין מצרים. דאס איז דער פשוט'ער אפטייטש. מצה איז דאס ברויט פון אן ארימאן. שקלאפן האבן נישט קיין צייט צו באקן ברויט, און ווארטן ביז עס יערט ווי עס דארף צו זיין. זיי עסן בשעת זיי לויפן טוען שלאק ארבעט. אויב א שקלאף קען צוזאמקלאפן אביסל ווייץ און שנעל מאכן עפעס א פראסטער מעל, אריינלייגן אביסל וואסער, און

עס שנעל באקן ווי א טרוקענער וואפל איבער'ן פייער, איז ער גאנץ מזל'דיג אז ער האט עפעס צו עסן. דאס איז מצה! מיר האבן געגעסן מצה אין מצרים וויבאלד מיר האבן נישט געהאט עפעס אנדערש צו עסן. מיר האבן געלעבט אין די גרעסטע מאס ארימקייט.

דער אמת איז, אז נישט קיין חילוק וואס זיי האבן געגעסן, איז עס געווען לחם עוני; אפילו ווען זיי האבן געטראפן פיש אדער אדער א שטיקל ברויט צו עסן, איז עס ווייטער געווען **לחם עוני**. ווי אזוי קען מען בכלל הנאה האבן פון א שטיקל ברויט, ווען עס ווערט געגעסן אונטער אזעלכע שרעקליכע פייניגונגען? סיי וואס מ'האט נאר געגעסן, איז געווען לחם עוני! דעריבער, מצה דערמאנט אונז זיכער פון די יארן וואס מיר זענען געווען פארשקלאפט אין מצרים, ווען מיר האבן געגעסן לחם עוני - און עס איז גאר וויכטיג דאס צו גדענקען ווען מיר טוען די מצוה פון עסן מצה.

## געדענקען די צרות

דעריבער, בשעת מיר קייען די מצה, און מיר שטעלן זיך פאר ווי אזוי עס האט אויסגעזען די שווערע צרות אין מצרים, איז דאס א געוואלדיגע זאך, ווייל אזוי ערפילן מיר א וויכטיגער ציל אין די מצה זו שאנו אוכלין - וואס איז גאר א וויכטיגער ציל, צו געדענקען די צרות און ליידן אין מצרים. מיר זעצן זיך צום טיש מיט אונזערע משפחות, און עסן די לחם עוני, צו געדענקען די טעג ווען מיר האבן געלעבט פארשקלאפט אונטער מצרי'שע אונטערדריקונג. כאטש מיר האבן טאקע הנאה פון די מצה סיי צו ס'איז מאשין 18 מינוטיגע מצה, אדער האנט מצה, דער טויש פון ברויט צו מצה איז אלעמאל ספעציעל, אבער בשעת די ציין בייסן אראפ אויף די קראָנטשי מצה, קען מען כאטש טועם זיין דעם לחם עוני, וואס אונזערע עלטערן האבן געגעסן אין מצרים.

זיי האבן געגעסן א מצה וואס איז ביטער - א פשוט'ע טעם'לאזער עסן, וואס איז טיילמאל געווען זייער עיקר עסן. און זיי האבן געגעסן מיט טרערן אין די אויגן, בשעת זייערע קינדער זענען געווארן אוועקגעכאפט פון זיי, זיי אומצוברענגען. אידישע טאטעס און מאמעס האבן געוויינט - זיי זענען געווארן אינגאנצן צעבראכן. גאנץ מעגליך, זענען טייל אפילו אראפ פון זינען פון די צרות. אזוי איז עס ליידער געווען.

# חלק ג': ברויט פון דאנק

## די פיין הקדמה

דאס איז אבער נישט דאס גאנצע בילד. מצה איז באמת פיל מער ווי סתם א דערמאנונג פון די שלעכטע צייטן. ווייל למעשה, איז די גאנצע פייניגונג נאר געווען ווי א הקדמה צו עפעס פיל גרעסער. דאס וואס מיר האבן אזוי געליטן, איז נישט געווען פאר גארנישט. דאס גאנצע פיין און ליידן האט געהאט א געוואלדיגע תוצאה.

וויבאלד מיר דארפן זיך אליין פרעגן, ווי אזוי איז דאס עפעס געשען, אז מיר האבן באלד אנגענומען צו זיין קנעכט און דינען דעם אויבערשטן אויף אייביג? וויבאלד, ווען מיר האבן דאס אנגענומען, ווען מיר האבן מסכים געווען צו ווערן דעם באשעפער'ס ממלכת כהנים, האבן מיר דאס געמיינט גאר ערנסטערהייט. כלל ישראל האט נישט דאן אנגעהויבן צו טראכטן פון ווערן פרום! פון גיין דאווענען מיט מנין, האלטן שבת, מאכן אמאל אמאל א ברכה. ניין! צו זיין א ממלכת כהנים, מיינט אסאך מער פון דעם. זיי האבן פארשטאנען, אז זיי נעמען יעצט אן צו לעבן א לעבן פון איבערגעגעבנקייט, א לעבן פון כהנים וועלכע אטעמען נאר פאר'ן אויבערשטן. ממילא שטעלט זיך א געוואלדיגע קשיא, דאס איז

דאך גאר א גרויסע אונטערנעמונג, פארוואס זאלן זיי דאס טוען?

איר מיינט, אז עס האט זיך פונקט אזוי געטראפן, אז א פאלק פון מיליאנען מענטשן זאלן אננעמען אויף זיך צו דינען דעם אויבערשטן? וואס מיינט איר, אז די אידן זענען געווען לעמעלעך? א גאנץ פאלק, וואס יעדער טוט נאך איינער דעם צווייטן? און אויב איינער זאגט יא, זאגט שוין יעדער יא? ס'איז זיכער נישט אזוי געווען! די אידן זענען געווען מענטשן מיט זעלבסטשטענדיגע מיינונגען.

## מיר זענען נישט לייכטגלויביגע

יעצט, ווען די תורה וואלט געגעבן געווארן צו די מצריים, אדער צו די סלאווישע אדער כינעזער, וואלט עס געווען א קלייניקייט. למעשה, ווען מ'האט זיי געגעבן אנדערע רעליגיעס, האבן זיי זיך אינגאנצן צוגעכאפט דערצו. מ'האט זיי נישט געדארפט אריינגארן צו קויפן טייל פון די נארישסטע געדאנקען וואס מ'האט נאר אמאל געהאט אין די וועלט.

איר ווייסט, אז ווען יאשקע פאנדרא'ס מאמע האט געהאט א זון, און זיי האבן געזאגט אז דאס איז דעם אויבערשטנ'ס זון, האט כלל ישראל זיי אויסגעלאכט. ער איז געווען א פשוט'ער ממזר און דאס איז עס. **לֹא יָבֹא מַמְזֵר בִּקְהַל ה'**. ס'איז טאקע א רחמנות אויפ'ן קינד, אבער א ממזר איז א ממזר! אבער די נארישע פעלקער האבן נישט קיין אייגענע מוחות. מ'קען זיי פיטערן די נארישסטע גארבעדזש אין זייערע מוחות, און זיי נעמען עס אן מיט די הויט און מיט די ביינער. און דאס איז טאקע געשען. מיר קענען דאס זען איבער די גאנצע וועלט.

אבער כלל ישראל איז געווען א זעלטן סארט פאלק, וואס איז אפילו נישטא כדוגמתם מיט זייער אויסבליק אויף די וועלט. זיי זענען שוין געווען געלערנט פאר פילע דורות, נישט אנצונעמען יעדע נארישקייט וואס מ'האט זיי פרובירט צו פארקויפן. די אידן זענען געווען איין קליינע משפחה אין א וועלט פון גרויסע מעכטיגע פעלקער, וועלכע האבן אלע געדינט עבודה זרה, און געלעבט מיט כישוף און פאלשע איינרעדענישן. די גאנצע וועלט איז דאן געווען איבערצייגט, אז פארשידנארטיגע כישוף צערעמאניעס, און דאס דינען צו געשטאלטן, האט געברענגט א שפע, געזונט און אלע אנדערע גוטע זאכן.

אבער דא איז געווען איין קליין פאלק וואס האט געלעבט מיט שכל און מיט לאגיק, וועלכער איז געווען געלערנט אפצולאכן פון די געצנדינער וועלכע האבן זיך געגרויסט מיט "נסים" פון זייערע געטשקעס. פון קליינווייז אן, זענען שוין די קינדער אזוי ערצויגן געווארן, אז אזעלכע מעשה'לעך זענען פשוט פאלש, און זיי האבן אויך אפגעלאכט פון די גאנצע נארישע וועלט.

פלוצלונג איז משה רבינו אנגעקומען, און ער וויל אלעס מאכן משה קאפויער... ער פרעגט די אידן, "זענט איר גרייט מקבל צו זיין די תורה?" אויפ'ן בארג סיני איז נישט נאר געווען **מתן תורה**, נאר ס'איז אויך געווען **קבלת התורה**. די אידן האבן עס געדארפט אננעמען.

## מקבל זיין די תורה

טייל וואלטן געזאגט, "מיר וועלן אריינטראכטן צי מיר ווילן די תורה, אבער מיר דארפן קודם וויסן וואס טוט זיך. פארוואס זאלן מיר אלעס אננעמען? ליגט עס נישט אין אונזערע הענט? טייל וואלטן געזאגט, בין אדם לחבירו יא, אבער בין אדם למקום נישט. אנדערע וואלטן נאר אנגענומען בין אדם למקום. איינער וועט פרעגן, "פארוואס איז שעטנז אסור? געב מיר עפעס א גוטע סיבה פארוואס איך זאל נישט קענען טראגן וואל און לינען צוזאמען! איך וועל טוען וואס מ'הייסט, אבער קען איך אפשר וויסן וואס דא גייט פאר?" זיי וואלטן נישט אלעס אנגענומען.

און אויב זיי וואלטן נישט אלעס אנגענומען, וואלט עס נישט געשען. השי"ת וואלט זיי נישט געגעבן א האלבע תורה. "איר זאגט מה כתיב בה? איר ווילט וויסן וואס דארט שטייט? דעמאלט געב איך עס אייך נישט. איר זענט נישט גרייט צו זיין מיין ממלכת כהנים". מיר האבן נישט קיין אנונג ווי אזוי דאס וואלט אויסגעזען. מיר וואלטן ח"ו געווען נישט עפעס מער ווי נאך א פאלק. עס וואלט געווען די כינעזער, די איטאליענער, די פארטא ריקאנער, און אויך די אידן...

דעריבער דארפן מיר פארשטיין, וואס האט אזוי איינגעפעדימט כלל ישראל? וואס האט זיי אזוי אריינגעגעבן אזא מין פייער פון התלהבות מקבל צו זיין די גאנצע תורה אזוי ווי עס שטייט און גייט, און אננעמען דעם גרויסן ענין פון זיין די ממלכת כהנים פון אויבערשטן.

## הכרת הטוב

דער תירוץ איז, אז דאס איז געווען די **מצה!** מיר זענען געווארן די ממלכת כהנים נאר צוליב די לחם עוני. לאמיר דאס מער ערקלערן. דער איינציגסטער וועג וואס א פאלק פון מיליאנען קענען זיך צוזאמקומען און אויסשרייען נעשה ונשמע, איז נאר צוליב דאס גרויס ליבשאפט צום הייליגן באשעפער - און דאס ברענעדיגע ליבשאפט איז געווען א תוצאה פון די געוואלדיגע הכרת הטוב, וואס די אידן האבן געהאט צום אויבערשטן, פאר זיי אויסלייזן פון די אלע יארן וואס זיי האבן געגעסן לחם עוני. און לחם עוני איז בעצם געווען א שם הכולל פאר אלעס. ס'איז נישט נאר געווען די ארימע ברויט, ס'איז געווען יארן פון אלע סארטן ליידן און פיין. אלע יענע פילע צענדליגע יארן, ווען זיי האבן נישט געזען קיין שום מעגליכקייט פון פטור ווערן פון זייערע צרות - עס האט אויסגעזען ווי עס איז נישטא קיין שום עק צו דעם שעבוד. תכבד העבודה, די ארבעט איז געווארן וואס אמאל שווערער, און די וויי געשרייען פון די געפייניגטע ווערן נישט געענטפערט; זיי קלאגן און וויינען צום אויבערשטן אין גרויס צער, און זיי באקומען נישט קיין שום ענטפער.

דאן פלוצלונג, **וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל יֹצְאִים בְּיָד רָמָה** - די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים מיט אן אויפגעהויבענע האנט. **וּמִצְרַיִם מְקַבְּרִים אֵת אֲשֶׁר הִכָּה ה׳ בָּהֶם** - פון אלע זייטן זענען די מצריים געווען פארנומען צו באגראבן זייערע טויטע. בשעת די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים מיט אלע זייערע גאלד און זילבער. מיר קענען אפילו נישט באגרייפן די געפילן פון די אידן אין יענע צייט. די אידן מארשירן ארויס פון מצרים מיט'ן שענסטן און בעסטן, און פול מיט צירונג, און זיי זענען אזוי איבערגענומען מיט **הכרת הטוב** געפילן צום בורא כל עולמים, אז זיי ווילן טוען סיי וואס פאר'ן באשעפער. "מיר זענען ענדליך פטור געווארן פון די גאנצע צרה, פון פרעה און זיין רעזשים מיט די גאנצע חברה". די אידן זאגן א הילכיגן **ברוך שפטרני**, און פאלן אריין אין די ארעמס פון הקדוש ברוך הוא.

## מעכטיגע כוואַליעס

משה רבינו האט נישט געדארפט קומען ווי א סעילסמאן זיי צו פארקויפן די תורה, און דערציילן די מעלות פון די תורה. די אידן האבן אפילו נישט געוואלט הערן. "מיר ווילן נישט וויסן מה כתיב בה; מ'דארף אונז אפילו נישט זאגן וואס שטייט דארט. מיר נעמען אלעס אן! מיר ווילן נאר טוען! מיר האבן אזא שטארקע ליבשאפט צום הייליגן באשעפער, אז מיר וועלן אלעס טוען! **נעשה ונשמע!** וואס איז בכלל די הוה אמינא? אודאי נעמען מיר אן צו זיין דיין **ממלכת כהנים**, מיט אלעס וואס קומט דערמיט, נישט קיין חילוק וואס.

"און נישט נאר וועלן מיר זיין פרום, לאמיר זאגן אזוי ווי די פרומע פון אדום, אדער די פרומע פון מדין. ניין! דו האסט אונז געראטעוועט פון אזעלכע צרות, אזעלכע שוועריקייטן, אז מיר ווילן נישט

בלויז זיין פרום. מיר פילן זיך אזוי שולדיג הכרת הטוב צו דיר הייליגער באשעפער, אז מיר וועלן זיין דאס וואס דו פארלאנגסט. דו ווילסט אז מיר זאלן זיין כהנים וואס דינען דיך אייביג? דאס איז עס! מיר וועלן זיין א **ממלכת כהנים**. איך בין א דאקטאר? קען זיין אז איך בין דאס אויך. א פעדלער אדער א גאסן-קערער, פארוואס נישט? אבער דאס איז נאר אין צוגאב צו מיין עיקר ציל פון דינען דעם אויבערשטן". דאס איז וואס א איד איז. יעדער איד איז א **כהן**!

מיר זעען, אז עס איז געווען די צרות, די **לַחְמָא עַנְיָא** וואס מיר האבן געגעסן אין מצרים, וואס האבן געברענגט אזעלכע געוואלדיגע כוואליעס פון דאנקבארקייט אין אונזערע הערצער, אז די מעכטיגע כוואליעס האבן אונז ארייגעשטופט אין די תורה און אין עבודת ה' - די כוואליעס פון פרייד און הכרת הטוב זענען געווען אזוי מעכטיג, אז עס האט מיטגעשלעפט דעם גאנצן פאלק מיט איין מאל, און קיינער האט זיך אפילו נישט אפגעשטעלט טראכטן דערוועגן.

## מאך א הכנה

דעריבער, ווען מיר עסן די מצה ביים סדר - ווי אויך דעם מרור, **עַל מַצּוֹת וּמְרֹרִים יֹאכְלֻהוּ**, דאס איז כדי מיר זאלן פארשטיין פארוואס צו געדענקען די שווערע ליידן איז אזוי וויכטיג. מ'דארף געדענקען די צרות. ס'איז נישט גענוג צו עסן מצה און מרור - מ'דארף אריינטראכטן אין די צרות וואס אונזערע עלטערן האבן געליטן. אודאי איז עס נישט אזוי גרינג. מצה איז גוט און בא'טעמ'ט! אפילו דער מרור איז גוט; בפרט אויב איר עסט סאלאטן... אבער וואס קען מען טוען? מ'דארף נאכאלץ אריינטראכטן.

דער בעסטער וועג צו טראכטן איז פאר פסח. ווען מ'רוימט, אדער מ'קאכט, נישט קיין חילוק וואס מ'טוט, נוצט אויס די צייט צו טראכטן. אודאי, אויב האט איר נישט געטראכט דערפון פאר פסח, קענט איר נאך טראכטן דערפון די לעצטע מינוט, אבער די בעסטע זאך צו טראכטן דערפון, איז פאר פסח. בשעת איר וואשט אפ די מעבל, פלאנצט איין די מחשבות אין אייער מח, אזוי אז ווען איר זעצט זיך אראפ צום סדר, וועט איר זיך קענען דערמאנען פון די אלע שיינע געדאנקען וואס איר האט איינגעפלאנצט, און עס וועט אויסוואקסן איבער פסח, צו גרויסע הערליכעביימער, מיט זיסע פרוכט.

## ס'איז גרינג צו רעדן

יא, ס'איז טאקע גרינג צו רעדן, אבער מיר דארפן ארבעטן דערויף למעשה. **בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם** - מיר דארפן זיך מצייר זיין, כאילו מיר זענען דארט געווען. שטעלט אייך פאר, אז איר זענט אין א מצב פון שרעקליכע פארפאלגונג פאר א לאנגע צייט, און איר זעט נישט קיין שום האפענונג ארויסצוגיין פון דארט, ווען פלוצלונג קומט איינער און לייזט אייך אויס. וואלט איר נישט געטראכט, "איך דארף כסדר געדענקען במשך מיין גאנץ לעבן, וויפיל איך בין יענעם שולדיג"?. איך ווייס נישט, אפשר אין די היינטיגע וועלט איז נישט אזוי, וויבאלד אלעס איז קארופטירט... מיר זענען נישט אויסגעצייכנט אין מדות, און מיר זענען נישט דאנקבאר פאר גארנישט.

דעריבער מוזן מיר זיך נעמען זיין דאנקבאר; מיר מוזן לערנען וואס מצה ווייזט, די לחמא עניא, וויבאלד דאס איז די סיבה פארוואס מיר האבן נאך די תורה ביז'ן היינטיגן טאג. מיר זענען מקבל די תורה יעדן טאג - כאטש מיר זענען האלב פארשלאפן ווען מיר טוען עס, אבער מיר זאגן: **אֱמֶת וְיַצִּיב וְנָכוֹן וְקַיָּם וְיָשָׁר וְנֶאֱמָן** - די ווערטער פונעם אויבערשטן זענען אמת, פעסט, אוועקגעשטעלט, באשטעטיגט, ריכטיג און פארטרויבאר... ווען איר קוקט אריין אין סידור, וועט איר טרעפן 16 ווערטער וואס ערקלערן אונזער אננעמען די תורה, און מיר זאגן אז מיר נעמען עס אן מיט די אלע 16 ווערטער **הַדָּבָר הַזֶּה עָלֵינוּ לְעוֹלָם וָעֶד** - אויף אונז פאר אייביג. **עַל בָּנֵינוּ וְעַל דּוֹרוֹתֵינוּ** - מ'זאגט די ווערטער, מ'טראכט אבער נישט אריין: **חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר** - עס וועט קיינמאל נישט אדורכגיין. דאס איז אונזער קבלת

התורה יעדן איינציגן טאג.

## א בליץ פון שמחה

און ווען האט זיך אלעס אנגעהויבן? פארוואס זענען מיר מקבל די תורה **עַל בָּנֵינוּ וְעַל דּוֹרוֹתֵינוּ** אויף אייביג? מיר אנערקענען, אז עס זענען געווען די טעג פון מצה און מרור, וועלכע האבן אונז געברענגט צום גרויסן טאג פון **קבלת התורה** ביים בארג סיני - די קבלת התורה וואס גייט נאך אן ביז'ן היינטיגן טאג. מיר האבן נישט באקומען מתן תורה, צוליב דעם וואס מיר האבן געלעבט אין לוקסוס. ס'איז נישט געווען צוליב די גוטע צייטן, ווען מיר האבן געלעבט אונטער יוסף, מיט א ברייטקייט, ניין! ס'איז געווען די ברכה פון **בְּעִצָּבוֹן תֹּאכְלֶנָּה**, די ברכה פון שווערקייטן, די ברכה פון ליידן. ס'איז געווען צוליב די יארן ווען די מצריים האבן אונז געפייניגט, ווען זיי האבן פרובירט צו ווארפן אונזערע קינדער אינ'ם טייך נילוס, און ווען אידישע קינדער זענען אריינגעבויט געווארן אין די וואנט מיט די ציגל. יעדער סארט פיין און צער, האט מען אויף אונז ארויפגעווארפן, און דאן, ווי א בליץ **הַפּוֹדֵנוּ מִיַּד מְלָכִים** - האט דער אויבערשטער אונז אויסגעלייזט פון די הענט פון די קעניגן.

ס'איז געווען מורא'דיג; א ווילדע פרייליכקייט וואס מ'קען אפילו נישט באגרייפן. קיינעם וואלט אזא זאך נישט איינגעפאלן, ס'איז אבער פארט געשען. דעריבער, ווען עס קומט דער הייליגער יו"ט פסח, ווערן מיר ווילד מיט פרייד אז השי"ת האט אונז געראטעוועט. ווען מיר עסן די מצה, גייען מיר איבער אין אונזערע מוחות איין אמאל און ווידעראמאל, די גרויסע שמחה פון ארויסגיין פון א **בית עבדים**, צו ווערן א **ממלכת כהנים**.

## צוריק קיין מצרים

דער בעל הגדה גייט נאך ווייטער און ערקלערט אביסל מער. וויבאלד וואס מער מ'פארשטייט וואס עס מיינט צו אנטלויפן פון מצרים, אלס מער וועט זיין דאס דאנקבארקייט. **וְאִילּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם** - און אויב דער אויבערשטער וואלט אונז נישט ארויסגענומען פון מצרים, וואלטן מיר נאך יעצט דארט געווען.

שטעלט אייך פאר, אז איר פארט קיין קאירא אין מצרים, פאר ביזנעס, און איר שפאצירט אראפ א גאס צו אייער האטעל, און איר זעט ביים ווינקל פון די גאס זיצן עטליכע עקלדיגע ברואים, פארדראגטע חברה, די נידריגסטע פון די נידריגסטע. ווען איר פארט קיין מצרים, וועט איר טרעפן אזעלכע אויף יעדן גאס ווינקל. דערצו זענען זיי פשוט'ע פארברעכער; בייטאג שטעקן זיי ארויס די האנט צו שנארן, אבער ווען די נאכט פאלט צו, וועלן זיי דיר אריינשטעקן א מעסער אין רוקן.

מיר זענען געווען שקלאפן אין מצרים; מיר זענען נישט געווען די דארטיגע אריסטאקראטן. במשך די צייט, ווערן די שקלאפן דער אפפאל פון די באפעלקערונג. מיר וואלטן פשוט פארפאלן געווארן אין מצרים. וואס עס וואלט שוין געבליבן פון אונז, וואלט פארלוירן געגאנגען, ס'איז נישטא קיין פראגע. ווען דער באשעפער וואלט אונז נישט ארויסגענומען פון מצרים, וואלט מיר פארלוירן געווארן אויף אייביג אין יענעם לאנד. ביז'ן היינטיגן טאג, וואלטן רייזנדע צום לאנד מצרים געטראפן צווישן די אלע מענטשן אין מצרים, פארשידענע רעשטלעך פון א פאלק וואס איז אמאל - מיט טויזנטער יארן צוריק - דארט פארלוירן געגאנגען.

## א פארגעסן פאלק

אנשטאט האבן רבי עקיבא מיט'ן רמב"ם, וואלטן מיר זיך געוואלגערט איבער די גאסן פון מצרים, און גערייכערט חאשיש! אנשטאט טראגן א שווארצער הוט מיט ציצית און זיין דאס פאלק פון השי"ת,

וואס עס וואלט נאך געבליבן פון אונז וואלט געזעסן ביי די גאסן ווינקלען, בארוועס, לויזיג, קראנק מיט די עגיפטישע שנעק קראנקייט. די וואסערן פון מצרים זענען פול מיט קראנקע שנעקן, און די נעבעכדיגע מענטשן טרינקען דאס וואסער, און זיי באקומען די קראנקייט. איר ווייסט, אז ווען די אמעריקאנער סאלדאטן זענען געווען אין מצרים אין די לעצטע מלחמה, האבן זיי באקומען די שנעק קראנקייט פון די דארטיגע וואסערן. און נאכ'ן טרינקען פארמערן זיך די שנעקן אין די קישקעס, און דער גאנצער גוף ווערט פארפעסטעט. ס'איז א קראנקייט פון וואס מ'קען שווער פטור ווערן, און מ'ווערט אזוי אפגעשוואכט און גייסטיש צעשמעטערט דערפון, אז מ'פילט מער בכלל נישט ווי א מענטש.

דעריבער ווען איר קייט די מצה, דארפט איר דאס געדענקען. אויב השי"ת וואלט אונז נישט ארויסגענומען פון מצרים, נישט נאר וואלטן מיר נישט געווען וואס מיר זענען היינט - די ממלכת כהנים, מיר וואלט געווען יענע גאסן מענטשן אין מצרים. ווען נישט דאס רחמנות פון אויבערשטן, וואלטן מיר געווען א פארגעסן פאלק.

## די נאכט פון ענדערונג

גאנץ פסח טראכטן מיר די געדאנקען וויפיל נאר מעגלין, אבער די סדר נאכט איז די וויכטיגסטע נאכט פון א גאנץ יאר. מיר קומען זיך צוזאמען - טאטעס, מאמעס, ברידער, שוועסטערס, זיידעס און באבעס - צו דאנקען און לויבן השי"ת, און די געלעגנהייטן זענען געוואלדיג. ביי די ענדע פון די הייליגע נאכט, זענען מיר אנדערע מענטשן! מיר זענען אדורך מיט גרויס הצלחה אן ענדערונג אין אונזערע מוחות און אין אונזערע נשמות, און מיר זענען געווארן פארענדערט אדורך און אדורך. וויבאלד, אין צוגאב צו די גרויסע מעלה פון דאנקען השי"ת, דערמאנען מיר זיך, פון אונזער געוואלדיגע התעלות אויף דער וועלט, אז מיר זענען דעם באשעפער'ס ממלכת כהנים אויף אייביג.

איר דארפט אבער אויסנוצן די טייערע צייט. וויבאלד איר האט נאר אין אייער לעבן 120 יארן מיט פסח סדרים. אין די ערשטע 12 יאר, פארשטייט איר נישט צופיל, און אין די לעצטע יארן אויך נישט. איר וועט זיין אין א מושב זקנים, און ווער ווייסט וואס עס וועט זיין? דעריבער, וויפיל פסח'ס האט איר שוין? ממילא, מאכט זיכער אויסצונוצן יעדעס איינע. יעדעס איינציגן פסח איז א געוואלדיגע געלעגנהייט קונה צו זיין דעת. מאכט די ריכטיגע הכנה, פאר די נאכט פון קודש קדשים מיט די גרעסטע מאס חשק. מיר קענען קויםווארטן ביז מיר באקומען די דעת וואס די מצה וועט אויף אונז משפיע זיין.

## אנגרייטן א מצה מח

ס'איז גאר גוט, אז די מצה איז געבאקן געווארן מיט אזוי פיל פארזיכטיגקייט, מיט השגחה, מיט אזעלכע דקדוקי מצוה. געוואלדיג! ס'איז שמורה מצה, געבאקן אין א געוויסע בעקעריי, און עס קאסט אסאך געלט. געוואלדיג! אבער אצינד, ווען אלעס איז שוין פארטיג, דארפן מיר וויסן, **מַצָּה זוֹ שֶׁאָנוּ אוֹכְלִים עַל שׁוּם מָה** - די מצה וואס מיר עסן יעצט, איז צוליב וואס?

דער תירוץ איז, אז די מצה דארף אהערשטעלן א נייער מח. משפחות איבער די גאנצע וועלט, זעצן זיך אראפ פייערן די גרויסע געשעעניש פון יציאת מצרים, דורך עסן די ספעציעלע עסן פון כהנים, וויבאלד ס'איז געווען יציאת מצרים, וואס צוליב דעם זענען מיר געווארן די ממלכת כהנים. ישעי' הנביא זאגט, **וְאַתֶּם כֹּהֲנֵי ה' תִּקָּרֵאוּ** - איר, דאס גאנצע פאלק, וועלן ווערן אנגערופן כהני ה'. מיר זענען געווארן אויסגעקליבן אום פסח ארויסצוגיין פון מצרים פאר איין סיבה - צו ווערן כהני ה'. און בשעת מיר עסן מצה, ווייזן מיר, אז אלע פון אונז - דער גאנצער אידישער פאלק - זענען דערהויבן געווארן צו זיין די אויסדערוועלטע מענטשן פון השי"ת - זיינע כהנים.

און פונקט ווי די כהנים זענען אויסדערוועלט געווארן מיט דאס ווארט לי דורכ'ן אויבערשטן - והיו לי הלויים, די לויים וועלן זיין מיינע - מיינט דאס מיינ'ס אויף אייביג, אזוי אויך, ווען א פאלק איז אויסדערוועלט געווארן צו זיין די ממלכת כהנים, מיט דעם זעלבן ווארט, **וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים** - און איר זאלט זיין צו מיר א קעניגרייך פון כהנים - איז דאס אן אייביגער כבוד. וואו עס שטייט לי, מיינט עס אז עס וועט זיך קיינמאל נישט ענדיגן, נישט אין די וועלט, און אויך נישט אין יענע וועלט (ויק"ר ב, ב). דאס איז א צייכן פון אויסצייכענונג, און מיר דארפן זיך טאקע אזוי פירן. מיר דארפן אלעמאל זיין באוואוסטזיניג, אז אלע אונזערע מעשים דארפן אפשפיגלען דעם ציל פון דינען דעם באשעפער; און אויב מיר האבן דאס אלעמאל אינזין, דעמאלט ווערן מיר די **מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ** - דאס הייליג פאלק פונעם הייליגן באשעפער, אויף אייביג.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**ווער איז דער מחבר פון די הגדה?**

**תשובה:**

דער תירוץ איז, ווער איז דער מחבר פון מדרש רבה אדער ש"ס? די אידן! די הגדה איז געמאכט געווארן דורך די אידן. עס האט נישט געהאט איין מחבר. ס'איז געווען א שיין ביסל זאכן וואס פילע אידן האבן געזאגט ביים סדר נאכט, און צוביסלעך איז עס געוואקסן שיכט נאך שיכט.

און עס וואקסט נאך אלץ. ווייל כאטש קיינער וועט נישט צולייגן גארנישט צו די הגדה אליין, אבער פירושים האלטן אין איין צוקומען אין די מאסן. הגדות היינטיגע צייטן זענען ווי שוואמען נאך א רעגן. עס שפראצן ארויס אלע סארטן. און ס'איז נישט אזא שלעכטער איינפאל צו באשיינען דיין טיש מיט אלע סארטן, וויבאלד עס וועט עס מאכן פיל מער אינטערעסאנט. ממילא, קומט דאך אויס, אז דער מחבר פון די הגדה איז דאס אידיש פאלק.


- להחזיר עטרה ליושנה -

**מען דארף זייער נזהר זיין צו האלטן בכבוד'יג די עלטערען און ח"ו נישט מצער זיין**

**הלכות ושאלות ענינים**

**כיבוד אב ואם האטליין: 845-777-8822**

צו מנדב זיין און צו שטיצן דעם גאר וויכטיגן פראיעקט רופט דעם אוטאמאטישע נדבות סיסטעם 646-860-9985